# תורת אביגדור

## פאר קינדער

איבערגעארבעט פאר קינדער פון די שמועסן פון הרב **רבי אביגדור מיללער** זצ"ל
דורך: **פינחס בן-עמי**, נתנדב לעילוי נשמת אמי מורתי **מרים לאה בת יעקב יהודה** ע"ה

### פרשת בשלח

## אנדערש אדער אייניג?

א גוטן. איך הייס אפרים און איך האב א 'השגחה פרטיות' מעשה צו דערציילן. מיר זענען געווען אויפ'ן וועג אהיים פון די גרויסע סיום הש"ס אפאר וואכן צוריק, און יעדע האט געוואלט דערציילן וועגן וואס זיי האבן הנאה געהאט פון דעם גיגאנטישע מעמד. מיין מאמע האט געזאגט אן אינטערעסאנטע זאך, אז זי האט אין אכט גענומען אז עס זענען צאמגעקומען טויזנטער אידן פון אלע אידישע קרייזן! אלע מינע היטן און מלבושים! דא איז געווען א חסידישע מיט א לאנגע שווארצע רעקל, און ער האט אנגעכאפט די האנט פון א ישיבה מאן. זיי האבן אלע געטאנצן מיט א שמחה און א ברען!

"אפרים," האט מיין טאטע זיך אנגערופן -"געב א קוק אונטער די זיץ צו עס איז דא דארט א סי.די. מיט שיעורים, לאמיר נעמען א פויזע פון שמועסן, און אויסהערן אביסל דברי תורה." - מיין טאטע האלט שיעורים אין זיין קאר אזוי קען ער עס אויסהערן און מקיים זיין 'ובלכתך בדרך'.

"עפעס פיל איך דא" האב איך געזאגט - "יא, ס'איז א שיעור פון ר' אביגדור מיללער, ס'שטייט דערויף: ‎#870 - די באליבטע פילפארביגקייט ביי אידן"

"געוואלדיג, לייג עס אריין און מיר וועלן זיך דערקוויקן מיט א רייכע שיעור"

מיר האבן אלע צוגעהערט צו א דבר תורה וואס רעדט פונקט וועגן דעם!

דער אמת איז, איך האב זיכער געמיינט אז איך וועל איינשלאפן, ווייל איך בין געווען זייער מיד, אבער ווען איך האב געהערט ר' אביגדור ז"ל פרעגן א שטארקע קשיא אויף די וואכעדיגע סדרה, האט מיר דאס געמאכט שטארק נייגעריג, און איך האב אויסגעהערט די גאנצע שיעור. איך בין נאך אפשר צו אינג צו פארשטיין פונקטליך אלעס וואס ער האט געזאגט, אבער די עיקר געדאנק האב איך באוויזן אויפצוכאפן.

נאך די אידן זענען ארויס פון מצרים זענען זיי געווען אין די מדבר. איינער פון די פלעצער וואו זיי האבן זיך אפגערוט איז א פלאץ וואס רופט זיך אילים. און דער באשעפער האט דארט צוגעגרייט 12 קוואלן וואסער. יעדע שבט האט געהאט זיין אייגענע קוואל, ווען זיי האבן געדארפט וואסער זענען זיי געגאנגען צו די קוואל פון זייער אייגענע שבט.

און נאכדעם אין מדבר סיני איז געווען די זעלבע זאך. די תורה דערציילט אז משה רבינו האט געבויט 12 מצבות, איינס פאר יעדן שבט, צופיסנס פון די בארג.

פארוואס האט דאס אויסגעפעלט? כלל ישראל איז געווען איין פאלק וואס האט געליטן אין מצרים צוזאמען, און יעצט פארן זיי אין די מדבר צוזאמען. פארוואס האבן זיי נישט געקענט צאמקומען אין אילים ביי איין גרויסע קוואל? און ביי מתן תורה, איז דאס נישט די חשוב'סטע זאך אז מיר זאלן זיין איין פאלק?

רב מיללער האט געגעבן צו פארשטיין אז דער באשעפער האט אונז דא אויסגעלערענט עפעס וויכטיג. דער אויבערשטער האט ליב די פארשידענארטיקייט אין כלל ישראל! עס איז דא א גרויסע אויסוואל פון אלע סארט אידן! אזוי ווי ווען דו גייסט צו די אייז קרים געשעפט לכבוד ראש חודש, איז דא א גרויסע אויסוואל פון אייז קרים- ווייסע וואנילע אדער ברוינע טשאקאלאדע? אפשר צאמגעמישט? ווילסטו עס מיט טשאקאלאדא טשיפס אדער ניסלעך אדער ספרינקעלס אדער קוקי קראמב"ס? די גרויסע אויסוואל גיבט צו צו די הנאה פון די געשעפט!

אלע פארשידענע מינע אידן, אנדערע מנהגים, אנדערע וועגן פון רעדן, אנדערע מלבושים, אנדערע השקפות,- אבער מיר זענען אלע געטריי צו דעם בורא עולם און דינען ה' אחד מיטן גאנצן הארץ, טראץ דעם וואס מיר זענען אזוי אנדערש. דאס איז וואס מאכט אונז אן אויסנאם פאלק! די בעסטע אויף דער וועלט! ווי אנדערש מען איז איינער פון דער אנדערע, זענען מיר אלע צוזאמען כאיש אחד בלב אחד צוליב אונזער איבערגעגעבענקייט צו הקב"ה און זיין תורה.

און אויב דער באשעפער האט ליב דאס אז אידן זענען אזוי אנדערש איינער פון דער אנדערע, מיינט אז מיר דארפן עס אויך ליב האבן! אנשטאט פון זען ווי אנדערש איינער איז, זאל מען עס אנקוקן ווי נאך א באטעמ'טע פלעיוואו"ר אין כלל ישראל! און נאך מער פון דעם, דאס גיבט אונז א געלעגנהייט צו ווערן גרעסער און בעסער ווייל מיר קענען זיך אפלערנען גוטע זאכן פון יעדע איד!

דאס איז געווען דער אויבערשטער'ס פלאן אין אנהייב ווען ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים צו ווערן זיין געטרייע פאלק. און דאס איז וואס מיר האבן געזען ביי די סיום הש"ס, עס איז טאקע דא אסאך פארשידענע סארט אידן. און פון יעדע קענען מיר זיך לערנען!

גוט שבת!




כל הזכויות שמורות ל: תורת אביגדור- פאר הערות און קאמענטארן ביטע פארשטענדיגט אייך: 347.755.8860